# קוזאק הנגזל

נאך ווי, נעבעך, זייער "בריוועלע פון די באזארגטע מאמע" איז זיי איבערהויפט נישט געלונגען, ס'האט געהאט ממש א פארקערטע ריאקציע, ווי ס'האבן זיך ב"ה געדאפעלט דער ציבור ה"מודים בעירוב", האבן זיי היינט עש"ק פ' קדושים ווידער אנגעשטאפט אונזערע פאסט קעסטלעך מיט א פרישן פאשקעוויל.

דער חילוק צווישן זייערע פריערדיגע פאשקעווילן און די היינטיגע איז, אז די היינטיגע 4 זייטן זייערע, שרייען קלאר ארויס צווישן די שורות, "מיר האבן פארלוירען די מערכה"! "האט'ס רחמנות"!

נאך א האלב יאהר מלחמה, מלחמת חורמה, וואך ביי וואך מיט די אבגעקויפטע פרעסע, הייבן זיי אן אנערקענען, אז אונזער חרדישן חסידישן בארא פארק קויפט שוין נישט זייערע סילוף דברי צדיקים, און נישט זייערע זיוף דברי הפוסקים, נאר זענען זיך סומך אויף די חשוב'ע גדולי תורה מורי הוראה דשכונתינו שליט"א, וואס בארא פארק איז ב"ה געבענטשט מיט.

ערב שב"ק איז א זמן וואס "אין הלבלר יוצא בקולמסו", איז פשוט נישט שייך צו ענפערן אויף זייערע 4 זייטן, ועוד חזון למועד די קומענדיגע וואך, אחת לאחת. נאר "מפני השלום" מוז מען האטש באמערקען, ביטע שפילט נישט דעם "קוזאק הנגזל" ווייל יעדער פון אונז ווייסט ווער האט אויס גערופען "קריג", ווער האט אנגעפיערט די מחלוקת במשך די 6 חדשים, אויב נישט די משפחה הידועה, וואס האבן געמיינט אז אזוי ווי ס'זיי געלונגען אין תשמ"א, וועט זיי מסתמא היינט אויך געלונגען. לא ולא!

אונזערע חשוב'ן ציבור האט זיי געוויזן א "לא, מיט א ספאדעק"! דער חרדישער חסידישן ציבור איז ב"ה פיעל געוואקסן זינט תשמ"א, מיר זענען היינט געבענטשט מיט טויזענטער כולל יונגעלייט, מ'קען אונז היינט נישט פארקויפן קיין שקרים כזבים אין נאמען פון שו"ע וגדולי הפוסקים, און נישט קיין זיופים וסילופים אין נאמען פון גדולי הצדיקים. מיר קויפן נישט קיין באבקעס!

זייערע אלטע מאנאפאל סיסטעם איז שוין ב"ה היינט היסטארי. אונזערע חשוב'ע מורה הוראה'ס דקהילותינו האבן היינט שוין קיין מורא נישט, ארויס צו זאגען זייער "דעת תורה". ובני ישראל יוצאים ביד רמה, כתרגומו "בריש גלי"!

**התאחדות בני הכוללים החסידיים ד'בארא פארק**